# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:33**
מוצאי שב"ק.....................**9:02**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............שמואל-א' י"ב-י"ג
בבלי...........................מנחות ח'
ירושלמי................ברכות ט"ו
תוספתא.............מכות פרק ד'
רמב"ם.......................נדרים ה'


פרשת שופטים, ז' אלול, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ו'
שנה 7, גליון 47 (358)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ.** מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"א) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין פָּנִים אַ מְנוֹרָה פוּן זִיבְּן לִיכְט. דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז לֶעכֶער אוּן דִי מוֹיל, אוּן דָאס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם מֹחַ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ הֵיילִיגְן דִי זִיבְּן לִיכְט, וֶוערְט זַיין מֹחַ רֵיין אוּן הֵיילִיג אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִין סֵפֶר יְצִירָה (פֶּרֶק ד' מִשְׁנָה י"ב) וֶוערְן דִי זִיבְּן לִיכְט אָנְגֶערוּפְן "דִי זִיבְּן טוֹיעֶרְן".

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נוֹתֵן לְךָ**, מֶען דַארְף שְׁטֶעלְן שׁוֹפְטִים אוֹיף דִי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן קָאפּ, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְפְט זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן יֶעדְן טָאג, זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "זֶענֶען מַיינֶע אוֹיגְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ קוּק נָאר וואוּ מֶען מֶעג? זֶענֶען מַיינֶע אוֹיעֶרְן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ הֶער נָאר וָואס מֶען מֶעג? אִיז מַיין נָאז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, רֶעג אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף? אִיז מַיין מוֹיל אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ רֶעד נָאר וָואס מֶען מֶעג?

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵייט שׁוֹין אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע קִטְרוּגִים, אוּן עֶס קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעשֶׁעהַן קַיין שְׁלֶעכְטְס. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרֵי שׁוֹפְטִים) "כְּשֶׁיֵּשׁ דִין לְמַטָּה אֵין דִין לְמַעְלָה" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיין דָא אוּנְטְן, קֶען מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט מִשְׁפָּט'ן אוֹיבְן.

ווּאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים א')

***

**מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ, לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא.** מוֹהַרָא"ש אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן א' סִימָן נ"ו) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ שְׁטִיקֶל מַלְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ שְׁטִיקֶל קֶענִיג, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער ווֶיינִיגֶער. אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף זַיין מִשְׁפָּחָה, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, אֵיינֶער אִיז אַ קֶענִיג אוֹיף מֶער מֶענְטְשְׁן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר אִיז בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זֵיי, זֵיי דַארְפְן אִים פָּאלְגְן. אוּן מֶען דַארְף זֶעהְן צוּ נִיצְן דִי קֶענִיגְרַייךְ נָאר אוֹיף גוּטֶע צְוֶועקְן, נִישְׁט צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן סְתָּם אַזוֹי אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, נָאר זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ** - דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי מַלְכוּת נָאר, **אֲשֶׁר יִבְחַר ה' אֱלֹקֶיךָ בּוֹ** - אַז עֶר זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין צוּ אִים. אוּן דֶער עִיקָר אִיז, **מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ**, דוּ דַארְפְט זַיין אַ קֶענִיג מִיט בְּרוּדֶערְשַׁאפְט, מִיט אַ לִיבְּלִיכְקֵייט, צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן שְׁטַארְקְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוּם דִיר, **לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא אָחִיךָ הוּא**, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ קֶענִיג, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ פְרֶעמְדֶער, אָן רַחֲמָנוּת.

ווּאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נִיצְט אוֹיס זַיין מַלְכוּת צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידְן אוּן זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה שׁוֹפְטִים ה')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה וִוי צוּ הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אוּנְז (מִשְׁלֵי יא, יז): אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער וָואס הֶעלְפְט זַיין שְׁטוּבּ - "גֹּמֵל נַפְשׁוֹ אִישׁ חָסֶד", אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ טוּט גוּטְס מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "וְעֹכֵר שְׁאֵרוֹ אַכְזָרִי", אָבֶּער אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן אַכְזָר פַאר זַיינֶע קְרוֹבִים; עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גוּטְהַארְצִיג פַאר יֶענֶעמְ'ס קִינְדֶער, זֵיי רוּפְן גֶעסְט וְכוּ', זֵיי מַאכְן זִיךְ בַּאִיטַעמְ'ט פַאר אַ צְוֵוייטְן, אָבֶּער פַאר דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער גֶעבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין גוּט וָוארְט; וואוּ אִיז דֶער שֵׂכֶל? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן לִיבְשַׁאפְט אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער?!

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בַּשֵּׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל.

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. זֵיי נִישְׁט קַיין קַארְגֶער מֶענְטְשׁ - נִישְׁט קַארְג אוֹיף גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן נִישְׁט קַארְג מִיט גֶעלְט. זֵיי אַ גֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְטְשׁ, סֵיי וֶוען מֶען דַארְף גֶעלְט אִין שְׁטוּבּ אוּן סֵיי צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, הַקְדָּמָה ב.): "קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ, דְּלָאו אִיהוּ נָדִיב וְלָאו אִיהוּ מִזַּרְעָא דְאַבְרָהָם", אַ קַמְצָן אִיז אַ נָבָל, אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּן אִידְן רַחֲמָנָא לִצְלַן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' רְאֵה תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## מְ'צָאלְט מִיר נִישְׁט מַיין גֶעהַאלְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה טָאג טֶעגְלִיךְ, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט בַּאגֵיין אָן דֶעם.

וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט הָאט מֶען מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן מַיין מְלַמְּדוּת פָּאסְטְן צוּלִיבּ דֶעם וָואס אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. ב"ה אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ צְוֵוייטֶע מְלַמְּדוּת פָּאסְטְן, און אִיךְ פְּרוּבִּיר אַרייַנְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז זֵיי צָאלְן נִישְׁט אַזוֹי גוּט און פּוּנְקְטְלִיךְ, סְ'אִיז שׁוֹין צְוֵויי חֲדָשִׁים וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען מַיין גֶעהַאלְט. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִין אַזַא מַצָּב? סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין אַזוֹי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר און וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְקֵי, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" – אֵלוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס. פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס לֵייגְט אַרייַן אִין קִינְדֶער תּוֹרָה תְּפִילָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים אִין הִימְל.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען אִיז דִיר שׁוּלְדִיג צְוֵויי חֲדָשִׁים גֶעהַאלְט און דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס מִיר זָאלְן טוּן וֶוען מִיר הָאבְּן אַ צָרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אִים בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַרייַן צוּ מוֹהַרְנַ"ת וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאלְטְן פַארְן חֲתוּנָה מַאכְן אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער און עֶר גֶעזָאגְט פַאר מוֹהַרְנַ"ת אַז זַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה חֲתוּנָה צוּ מַאכְן וְכוּ', הָאט אִים מוֹהַרְנַ"ת גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "זָאג דַיין טַאטֶע אַז

<<<<<<

>>>>>>

טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ און עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְלַאץ אִין גַן עֵדֶן, און עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, און וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער און גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ און נָאךְ וַואסֶער און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן און גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָאר, און מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, און עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַייַנְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, און אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, און נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ און דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוּת, און עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט און עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, און אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטְל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס און אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, און אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין און עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, און אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען און אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט און גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוּישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִיד'ס סִימָנִים, און עֶר אִיז גֶעלָאפְן און עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן און זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָּשׁ גֶעראַטֶעוֶועט.

צְוִוישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'ֶער גַנָב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן און עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָב הָאט אָבֶער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדַאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, און עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַנָב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'ֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און זִיךְ מִתְוַדֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט און עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן און דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן און עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. און עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶעַריי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן און וִויל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... און דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט און וִויל תְּשׁוּבָה טוּן און עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רָב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'ענֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים און פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, און עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָּ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד און אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. און יֶעצְט גֵייט און מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, און דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט און גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, און מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִיקִים פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, און אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, און אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סֵיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט און וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרְנַ"ת חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (ג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, מַאכְט חֲתוּנָה אִיר טָאכְטֶער פֵיגָא, מִיט דֶעם בָּחוּר שִׂמְחָה, אַ זוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זַ"ל. זֵיי הָאבְּן אַ קִינְד אוּן זֵיי גֶעבְּן אִים אַ נָאמֶען יִשְׂרָאֵל.**

יד

אֵיינְמָאל וֶוען דָאס קִינְד יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין, אִיז עֶר זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּגֵיין רַחֲמָנָא לִיצְלָן. דִי מַאמֶע מָרַת פֵיגָא הָאט אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעלָאפְן מִיט אִים צוּם צִיוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן זִי הָאט דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, "זֵיידֶע זֵיידֶע, עֶר אִיז דָאךְ מַיין אֵיינְצִיג קִינְד, אוּן דָא גֵייט עֶר אוֹיס, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים! מַאךְ אִים לֶעבְּן!" [סְ'דָא וָואס זָאגְן אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֶעבְּט דֶעמָאלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן]. זִי הָאט זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט אוּן דֶערְנָאךְ אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דָארְט בַּיים צִיוּן, אוּן זִי אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בִּטָּחוֹן אַז דָאס קִינְד וֶועט זִיכֶער גֶעזוּנְט וֶוערְן אִין זְכוּת פוּן אִיר גְרוֹיסְן זֵיידְן.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דָאס קִינְד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעסֶער צוּ וֶוערְן, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען. מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט אַ קִינְד וֵויינֶען בַּיים צִיוּן זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען אִים נֶעמֶען, אוּן הָאבְּן אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זַיין מַאמֶע.

בַּיינַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ מָרַת פֵיגָא אוּן זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט, "פַארְוָואס הָאסְטוּ דָאס גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אוֹיפְזוּכְן דִי נְשָׁמָה פוּן דַיין זוּן צְוִוישְׁן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת!"

פוּן דַאן אָן הָאט זִיךְ זַיין פָּנִים זֵייעֶר גֶעטוֹישְׁט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פָּנִים פוּן טוֹיטְן מֶענְטְשׁ, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן צִיטֶערְן פוּן אִים וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס, מְ'פְלֶעגְט אִים רוּפְן "ר' יִשְׂרָאֵל דֶער טוֹיטֶער", אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלֶעבְּט צוּ לַאנְג.

טו

דֶערְנָאךְ הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אַ טָאכְטֶער אוּן אִיר אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פֶּערְל, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר לַאנְג, אִיר עֶרְשְׁטֶער מַאן אִיז גֶעוֶוען ר' צְבִי פוּן טְשֶׁערִין זַ"ל, וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז זִי גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ ר' פִּנְחָס מֵאִיר זַ"ל, אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ נִפְטָר גֶעוָוארְן פַאר אִיר. [וֶוען רֶבִּי נָתָן זַ"ל אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין יָאר תקפ"ב, הָאט אִיר נָאךְ גֶעטְרָאפְן דָארְט].

טז

דֶערְנָאךְ הָאט זִי גֶעבּוֹירְן אִיר צְוֵוייטֶער זוּן אוּן אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן יְחִיאֵל נָאךְ אִיר טַאטֶע, דֶער מַאן פוּן דִי צַדֶיקֶת מָרַת אָדְל.

יז

אִיר מַאן רֶבִּי שִׂמְחָה זַ"ל אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער אוּן בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס דְבֵיקוּת, עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים לַאנְגֶע טֶעג וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּכְלָל וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים, עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי וֶועלְט פוּן גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן פְּרִישׁוּת.

יח

אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן דֶערְהֵיים אוּן הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקֶערְט פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן, דֶערְוַוייל הָאט זַיין וַוייבּ דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵיגָא גֶעוַוארְט עֶר זָאל זִיךְ שׁוֹין אוּמְקֶערְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ פְרַייטָאג אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת.

זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, אוּן פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בַּאקְן חַלוֹת, הָאט זִי אָפְּגֶעשֵׁיידְט חַלָּה אוּן דֶערְבַּיי הָאט זִי אִינְזִין גֶעהַאט יִחוּדִים גֶעוואוֹיר צוּ וֶוערְן וואוּ אִיר מַאן גֶעפִינְט זִיךְ אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אַהֵיימְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, זִי הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעזֶען, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר פוּן דֶעם.

בַּיים לִיכְט צִינְדְן הָאט זִי ווִידֶער מְיַחֵד גֶעוֶוען יִחוּדִים, זִי אִיז אָבֶּער וַוייטֶער גָארְנִישְׁט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן. אַזוֹי ווִי זֵיי פְלֶעגְן צִינְדְן לִיכְט זֵייעֶר פְרִי, אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי שָׁעָה פַאר נַאכְט, אִיז זִי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ לִיכְט צִינְדְן צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן דָארְט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אַז זִי ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיר מַאן וֶועט אַהֵיימְקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת, בִּיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע הָאט זִיךְ בַּאווִיזְן צוּ אִיר אוּן אִיר גֶעזָאגְט, "עֶר וֶועט קוּמֶען, עֶר וֶועט קוּמֶען, עֶר אִיז שׁוֹין אִין תְּחוּם שַׁבָּת".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת בִּיז הִתְפַּשְׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת. אִינְדֶערְהֵיים הָאט עֶר אוֹיךְ זֵייעֶר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי הֲכָנוֹת צוּ קִידוּשׁ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי קִידוּשׁ אוּן בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר מְיַחֵד גֶעוֶוען שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת.

יֶענֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דִי צַדֶיקֶת מָרַת פֵיגָא ע"ה אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

יט

דִי גַאנְצֶע צַייט פְלֶעגְט זִי גֵיין אַסַאךְ אוֹיפְ'ן צִיוּן פוּן אִיר הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, זִי הָאט דָארְט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ הֵיילִיג קִינְד. אַסַאךְ צַייט הָאט זִי פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים צִיוּן הַקָּדוֹשׁ מִיט תְּפִלָּה אוּן הֵיילִיגֶע יִחוּדִים, זִי פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז אִין יֶענֶע טֶעג הָאט זִי גֶעשְׁפִּירְט

<<<<<<

>>>>>>

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ הָאבְּן גֶעלְט, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ'"; דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ, דָאס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, ווִי מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט דָאס מִיט אַזַא אֱמוּנָה מִיט אַזַא זִיכֶערְקֵייט: 'מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ סְגוּלָה, אַ נֵייעֶ עֵצָה וְכוּ'".

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, מֶען הָאט דִיר אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן דַיין מְלַמְּדוּת פַאר דִי אֵיינְצִיגֶע חֵטְא אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ וְכוּ'. אָבֶּער גֶעדֶענְק וָואס ר' נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן בְּעֵת צָרָה: "סְ'אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים"; וַוייל אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אוּן עֶר טוּט נָאר גוּטְס מִיט אוּנְז, עֶר וַוארְט נָאר מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוּן רֶעדְן צוּ אִים אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל; כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער יֶעדְן צוּפְרִי צוּם צִיוּן פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ".

קוּק זִיךְ אִים דָארְט אִינֶעם בֵּית הַחַיִּים, וֶועסְטוּ זֶען ווִי עֲשִׁירִים מִיט עֲנִיִּים - אַלֶע לִיגְן דָארְט. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא"; עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ נָאר דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מִיר טוּעֶן אוּן וָואס מִיר זֶענֶען מְזַכֶּה אַ צְוֵוייטְן.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דָאס וֶועט זֵיי בַּאגְלֵייטְן אַלֶע זֵייעֶרֶע יָארְן; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן אַלֶע דַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן. אֵיינֶער וֶועט זַיין אַ קָאנְטְרַאקְטֶער, אֵיינֶער אַן עֶלֶעקְטֶערִישָׁאן, אֵיינֶער אַ פְּלָאמְבֶּער אוּן וָואס וֶועלְן זֵיי גֶעדֶענְקֶען פוּן חֵדֶר? דָאס בִּיסֶעלֶע אֱמוּנָה אוּן דָאס בִּיסֶעלֶע וַוארֶעמְקֵייט וְכוּ'.

אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר.

BreslevCenter.com\answers


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; באסעס פון קיוב קיין אומאן און צוריק; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד
אלי קנאלל

Plan it Rite

718-506-4341 Travel the right way

>>>>>>

גָאר אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הֶאָרוֹת וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיס'מָשָׁל'ן.

אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן אִין יָאר תקל״ב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז גְלַייךְ וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, הָאט זִי אִים גְלַייךְ אָפְּגֶעוָואסְן דִי הֶענְט זֶעקְס מָאל וִוי מֶען דַארְף, אוּן אוֹיךְ יֶעדֶעס מָאל זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן הָאט זִי אִים קוֹדֶם גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִי צוּגֶעגְרֵייט אוּן גֶענֵייט אַ קַאפְּל וָואס זִי הָאט אִים אָנְגֶעטוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

כ

אוּם ח' נִיסָן תקל״ב, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע וָואס אִיז דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעוֶועןן שַׁבָּת הַגָּדוֹל, אִיז גֶעוֶוען דִי בְּרִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מְ'הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן נַחְמָן אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּן זַיין זֵיידֶע, זַיין טַאטֶע'ס טַאטֶע, רֶבִּי נַחְמָן הוֹירִידֶענְקֶער זַ״ל.

כא

בַּיים בְּרִית אוּן נָאמֶען גֶעבְּן, הָאט זַיין פֶעטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ זַ״ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז דֶער נָאמֶען נַחְמָן אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה', כ״ט) ״זֶה יְ'נַחֲמֵנ'וּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ מִן הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ ה'״ (עַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה כ״ה, ב') אוּן חֲזַ״ל זָאגְן אוֹיף דֶעם פָּסוּק (סַנְהֶדְרִין קי״ג:) אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַדִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט, קוּמְט גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי מַאמֶע אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל אוּן אִים גֶעזָאגְט, ״בָּרוּכְ'ל [אַזוֹי פְלֶעגְט זִי רוּפְן אִיר הֵיילִיגֶער בְּרוּדֶער], וואוּנְטְשׁ אִים אָן אַז מְ'זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים״, הָאט דֶער צַדִיק אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, ״פֵייגֶעלֶע, דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, סְ'אִיז פַארְפַאלְן, מְ'מוּז קְרִיגְן אוֹיף אִים״.

דִי צַדֵיקֶת פֵיגָא אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעֲלַת רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִיר הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער פְלֶעגְן אִיר רוּפְן, ״פֵייגֶעלֶע דִי נְבוּאָה'טֶע״.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## עס קומט א פרישע פשוטע חתונה אין ישיבה

נאך די צוויי פריערדיגע פשוטע חתונות וואס זענען פארגעקומען אין בית המדרש פון די ישיבה אין וויליאמסבורג מיט גאר גרויס סוקסעס, קומט יעצט נאך א פרישע חתונה אין ישיבה אין די נאנטע טעג.

דעם קומענדיגן מאנטאג פ' כי תבא וועט אי"ה גיין אונטער די חופה החתן יעקב הלל נ"י בן מוה"ר יואל פארקאש שליט"א, עב"ג בת מו"ה מנחם גאלדשטיין הי"ו, און די חתונה וועט אי"ה פארקומען אין היכל הישיבה. אזוי ווי ביי די פריערדיגע חתונות וועט די חתונה נאכט גארנישט קאסטן פאר די מחותנים, די ישיבה שטעלט צו די סעודת החתונה פאר די נאנטע משפחה מיטגלידער, מיט אלע איבריגע צוגעהער, און אלע קרובים און גוטע פריינד וועלן ארויפקומען אנצוואוואונטשן און זיך מיטפרייען מיט די שמחה.

ווי באקאנט האבן די פריערדיגע חתונות אין ישיבה געמאכט א גרויסע שטורעם אין די היימישע וועלט, פילע אידן האבן זיך געעפנט די אויגן צום פאקט אז מ'דארף נישט אויסבלוטיגן דעם דם התמצית ביים חתונה מאכן א קינד, זעענדיג אז ס'זענען דא מחותנים מיט א קאפ אויף די פלייצעס, וועלכע מאכן חתונה אן דעם וואס די חתונה נאכט זאל זיי קאסטן אפילו א פרוטה, און כאטש וואס נישט יעדער קען דאס נאכמאכן אינגאנצן, האט דאס אבער געטוישט דעם מהלך המחשבה ביי פילע אידן, וועלכע האבן אנגעהויבן איינזען אז דאס אויסגעבן ביי א שמחה אידיש געלט אין די וועלט אריין האט נישט קיין שום פשט, עס איז זייער נאריש און קיינער פארדינט גארנישט דערפון.

אין די פארגאנגענהייט, ווען מ'פלעגט זען בילדער פון אופרייסעריש שמחות, האט דאס ארויסגערופן א געוויסע רעספעקט ביי מענטשן, "קוק ווי דער שטעלט זיך אהער אזוי שיין מיט אזא הערליכע שמחה", היינט קוקט מען שוין אבער אויף דעם בילד מיט אנדערע סארט ברילן, "נעבעך אויף דעם איד, ער איז גרייט צוווארפן אזויפיל אידיש געלט אין די מיסט, בלויז צו באקומען אביסל אויפמערזאמקייט". דאס איז אפילו ווען דער מענטש קען זיך טאקע ערלויבן א טייערע שמחה, איז נאכאלץ דא בעסערע וועגן ווי אזוי צו נוצן דאס געלט ווי דאס אויסווארפן אויף זאכן וואס ברענגט נישט קיין נוצן פאר קיינעם, דער מענטש רעדט זיך נעבעך איין אז ער באקומט כאטש כבוד פון דעם, ווען ער זאל ווען אבער קענען הערן וויפיל מ'רעדט צאם אויף אים אונטער זיין רוקן, טאקע בשעת'ן עסן די טייערע פליישן וואס ער האט צוגעשטעלט, מ'קוקט אים בכלל נישט ארויף פאר'ן זוכן אויפמערקזאמקייט, וואלט ער געוויס זיך נישט געפריידט אזוי מיט דעם סארט "כבוד" וואס ער באקומט לפנים; ווער רעדט נאך ווען עס קומט צו איינעם וואס האט נישט דאס געלט פאר דעם, אזוי ווי רוב מנין ובנין וועלכע דארפן זיך אנבארגן פון די זון און די לבנה צו קענען באצאלן די טייערע שמחות, ווי די גוטזאגער זאגן "מענטשן געבן אויס געלט וואס זיי האבן נישט, פאר זאכן וואס זיי דארפן נישט, צו באאיינדרוקן מענטשן וועלכע קוקן עס בכלל נישט ארויף", פארוואס פעלט דאס אויס? ווער פארדינט פון דעם? דאס האט דאך שוין געברענגט אזויפיל צרות און יסורים פאר אזויפיל אידישע קינדער.

דעריבער איז גרויס די פרייד אז מ'האלט שוין ביים דריטן חתונה אין ישיבה, דריי מאל איז שוין א חזקה, והחוט המשולש לא במהרה ינתק, עס איז זיכער אז אויסער דעם וואס די מחותנים פארדינען פאר זיך אליין, זיי שפארן זיך איין אסאך דמים תרתי משמע, זענען זיי מיט דעם אויך מזכה נאך פילע אידן וועלכע נעמען פון דעם ארויס א מוסר השכל אויסצוגעבן טייער אידיש געלט אויף וויכטיגערע צוועקן, און אזוי קענען מאכן שמחות מיט א פרייליכע און רואיגע געמיט.

**קול מצהלות חתנים מחופתם ונערים ממשתה נגינתם!**

***

## הערליכע סיום הש"ס אין קעמפ

דעם פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען אין קעמפ א הערליכע סעודה לכבוד דעם צווייטן סיום הש"ס פון הבחור החשוב יענקי ראטענבערג נ"י. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע קרובים וידידים און די תושבי המחנה מיטצוהאלטן די שיינע מסיבה.

ביי די סעודה האט מען געזינגען שיינע ניגונים לכבוד די שמחה, דערנאך האט גערעדט דער טאטע פונעם ש"ס בחור, מו"ה יוסף ראטענבערג הי"ו, וואס האט ארויסגעברענגט זיינע טיפע הרגשים פון שמחה אז ער איז זוכה צו זיצן ביים סיום הש"ס פון זיין בחור. צווישן די שיינע רעיונות האט ער אויך געזאגט א שיינעם רמז אז "הש"ס" איז די זעלבע ווי "שס"ה", דאס זענען די 365 פונעם יאר, אויב א בחור נוצט אויס יעדן טאג פון יאר צו לערנען פלייסיג די הייליגע תורה, דאן איז ער זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס. דערנאך האט ער זיך באדאנקט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א פאר'ן זיך אפגעבן אזוי שיין מיט די בחורים און אריינלייגן אין זיי אזויפיל תורה ויראת שמים.

דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט ארויפגעברענגט די פריערדיגע סיום הש"ס פונעם בחור, וואס איז פארגעקומען אין אומאן אין די טעג פון ראש השנה ביים הייליגן רבינ'ס ציון, און געזאגט פאר די בחורים ווי מ'דארף זיך אפלערנען פון דעם אז אויב א בחור נוצט אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין, איז ער זוכה צו ענדיגן איינמאל און נאכאמאל ש"ס.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

***

## אנטוויקלונגען ביים בנין אין אומאן

ביים נייעם בנין אין אומאן ווערט געלייגט א ציגל אויף א ציגל, עס ווערט געבויעט א שטאק נאך א שטאק, און מען ארבעט יעצט גאר שווער אז אלעס אינעם בנין זאל זיין פארטיג אין צייט, אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם.

געלויבט השם יתברך אז נאך די אלע אינוועסטירונגען פון געלט, צייט, קאפ און מח, זעט מען שוין ווי דער בנין שטייט שוין אין די פינף שטאק הויך, עס וועט אי"ה זיין א שטארקער און באקוועמער בנין, מיט א לעכטיגער רייזיגער הויכער בית המדרש, א גרויסע ריינע מקוה מיט גענוג שויערס, און מיט ריינע געשמאקע באקוועמע שלאף צימער, א.א.וו.

אין די קומענדיגע קארגע 3 וואכן וועלן אלע שטאקן ווערן בעז"ה אינגאנצן פארטיג כלול בהדרו וביופיו, מיט אלע צוגעהערן און פוירניטשער, געפעינט, געלייגט די הערליכע טיילס.

דער הערליכער בנין געפונט זיך אין א באשיידענע ווינקל פון אומאן, אפגעשיידט פון די רוישיגע גאסן, אויף נומער 28 פון די בילאָצערקאָווסקע גאס, אין אוקריייניש זאגט מען עס "וואָליצאַ בילאָצערקאָווסקע" [Вулиця Білоцерківська] און עס איז צום האפן אז דאס וועט זיין א גרויסער הילף פאר אנשי שלומינו ביים ווילן אין די טעג פון ראש השנה ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

**ונתנה תוקף קדושת היום!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**